**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/31/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט CUNY הערט אויף עמטליך די פירונג פון צוריקהאלטן טראנסקריפטן פון סטודענטן און גראדואירער מיט אומבאצאלטע באלאנסן**

***עס פאלגט נאך גאווערנער האקול׳ס 2022 סטעיט אָוו דע רעדע פלאן אויפצוהערן טראנסקריפט צוריקהאלטן ביי אלע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן***

***פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט אנטהאלט לעגיסלאציע צו ענדיגן באשטראפנדע חובות-איינקאסירונג ביי אלע העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק באורד אוו טראסטיס האט געשטימט מאנטאג צו קביעות׳דיג אפשטעלן א פּאָליסי וואס פארבאט CUNY קאלעדזשעס פון ארויסגעבן אפיציעלע טראנסקריפטן און איינשרייבונג באשטעטיגונגען פאר סטודענטן און גראדואירער וועלכע זענען שולדיג געווען פאר דער אוניווערסיטעט אומבאצאלטע שטודיר קאסטן באלאנסן און אפצאל. די אקציע פאלגט נאך CUNY׳ס אויגוסט 2021 סוספענדירונג פון דער פּאָליסי. גאווערנער האקול האט געמאכט דעם פארשלאג אפצושטעלן דער פראקטיצירונג אין איר 2022 סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע און דאס פאלגט נאך אן אנאנסמענט אז דער SUNY באורד האט אויך אפגעשטעלט טראנסקריפט צוריקהאלטונג. גאווערנער האקול׳ס פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט אנטהאלט לעגיסלאציע צו דער פירונג ביי אלע העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס.

״סטודענטן ארבעטן שווער דורכאויס דער פארלויף פון זייער בילדונג און דאס האלטן האָסטעדזש זייערע טראנסקריפטן פאר באצאלונג איז אן אכזריות׳דיגער פירונג וואס מיר מוזן ענדיגן לענגאויס דעם סיסטעם,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״ניו יארקער און די וועלכע קומען צו שטודירן אין סקולס אין אונזערע סטעיטס וועלן זיך נישט קענען ציען אויף פאראויס מיט ערפאלג אויב זיי שטייען אויס פינאנציעלע ארויספאדערונגען וואס האלטן זיי אפ פון צוטריט צו געלעגנהייטן. איך לויב CUNY פאר אויפהערן דער פירונג און איך קוק ארויס פארצוזעצן צו ארבעטן כדי אז יעדע סטודענט אין ניו יארק קען זיין פריי פון טראנסקריפט צוריקהאלטונג.״

דער באשלוס קומט אויך אזוי ווי קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן איבער׳ן לאנד פארקלערן זיך אויף ניצן דאס צוריקהאלטן פון טראנסקריפטן פון סטודענטן און גראדואירער אלס א מיטל פון איינקאסירן חובות. אפילו בשעת 76 פראצענט פון CUNY סטודענטן גראדואירן אן קיין חובות, פילע וועלן זיך נאך אנשטויסן מיט פינאנציעלע מניעות וואס פירן צו אומבאצאלטע שטודיר קאסטן און אפצאל. אין געוויסע פעלער, זענען די קליינע איבערגעבליבענע באלאנסן פון אקטיוויטעט אפצאל, לייבּרערי אפצאל און אנדערע צופעליגע הוצאות. די אומפעאיגקייט זיך צו פארשאפן אן אקאדעמישע טראנסקריפט האט אפגעהאלטן די סטודענטן פון באקומען זייערע דיפלאמען און אריינקומען אין דער ארבעטסקראפט אדער פארזעצן זייער בילדונג ביי CUNY אדער אן אנדערער אינסטיטוציע.

דער פארבאט אויף טראנסקריפט צוריקהאלטונג פאלגט נאך דער היסטארישער אנאנסמענט אין יולי איבער דער ׳CUNY קאָמבעק פראגראם׳, וועלכס [וועט פארמעקן איבער 100 מיליאן דאלער](#) אין אומבאצאלטע שטודיר קאסטן און אפצאל פאר איבער 57,000 סטודענטן דורך דער לאנד׳ס גרעסטע חובות-פארגעבונג אונטערנעמונגען פון דער סארט.

זינט דער אוניווערסיטעט האט פארגעבן דער חוב פאר טויזנטער דורך דער ׳קאָמבעק׳ פראגראם און סוספענדירט דער פירונג פון האלטן טראנסקריפטן, האט CUNY ארויסגעגעבן טראנסקריפטן פאר 42,852 סטודענטן.

**CUNY קאנצעלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** ״די מיטפיליגע אקציע פארשטערקערט דער אוניווערסיטעט׳ס מיסיע פון פארזיכערן יושר פאר אונזערע סטודענטן פון אלע הינטערגרונדן אזוי ווי זיי גייען נאך זייערע בילדונג און קאריערע צילן. צו ערמעגליכן פאר אלע CUNY סטודענטן און גראדואירער צו באשטעטיגן זייערע אקאדעמישע קרעדענשעלס אפגעזען די אומשטענדן ערמעגליכט פאר זיי זיך צו פירן אויף פאראויס אין זייער בילדינג אדער קומען אריין אין דער ארבעטסקראפט, בויענדיג זייערע קאריערעס אזוי ווי זיי העלפן טרייבן ניו יארק׳ס עקאנאמישע אומקער. מיר זענען דערפרייט דורך גאווערנער האקול׳ס מאנדאט צו מאכן דער פירונג דער סטאנדארט לענגאויס העכערע עדיוקעישן אינסטיטוציעס אין ניו יארק סטעיט. מיר דאנקען דער גאווערנער פאר זייער פירערשאפט און אנטשלאסנקייט.״

**דער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק** איז דער לאנד׳ס גרעסטע אורבען פובליק אוניווערסיטעט, א טראנספארמירנדע מאטאר פאר סאציעלע באוועגונג וועלכע איז א קריטישער שטאנדטייל פון דאס לעבנסבלוט פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרינדעט געווארן אין 1847 אלס דער לאנד׳ס ערשטער פרייע פובליק אינסטיטוציע פאר העכערע עדיוקעישן, און עס פארמאגט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדזשעס, 11 סיניאָר קאלעדזשעס און זיבן גראדואירער אדער פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס פארשפרייט איבער ניו יארק סיטי׳ס פינף באראס, סערווירנדיג איבער 260,000 אונטערגראדואיר און גראדואיר סטודענטן און פארטיילנדיג 55,000 דיפלאמס יעדעס יאר. CUNY׳ס צוזאמשטעל פון קוואליטעט און צוגענגליכקייט טרייבט באלד זעקס מאל אזוי פיל נידעריגע-איינקונפט סטודענטן צו דעם מיטל-קלאס און העכער ווי אלע אייווי ליעגע קאלעדזשעס קאמבינירט. מער ווי 80 פראצענט פון דער אוניווערסיטעט׳ס גראדואירער בלייבן אין ניו יארק, און ביישטייערן צו יעדע געביט פון דער שטאט׳ס עקאנאמישע, געזעלשאפטליכע, און קולטורעלע לעבן, און דיווערסיפיצירן דער שטאט׳ס ארבעטסקראפט אין יעדן סעקטאר. קוני גראדואירער און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע פרעסטיזשפולע באעהרונגען, אריינגערעכנט 13 נאבעל פרייזן און 26 מעקארטור ״דזשיניוס״ גרענטס. די אוניווערסיטעט׳ס היסטארישע אויפגאבע זעצט פאר ווייטער ביז׳ן היינטיגן טאג: צושטעלן אן ערשטראנקיגער פובליק עדיוקעשען פאר אלע סטודענטן, אומאפגעזען די מיטלען אדער הינטערגרונד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)